# רבי אביגדור ענטפערט...

שאלות פונעם המון עם אין אלע ענינים פון יהדות, השקפה, עצות,
און נאך, וואס זענען געענטפערט געווארן דורך

**הגה"צ חכימא דיהודאי, הרב**
**רבי אביגדור מיללער זצ"ל**

ביי די בארימטע ליל שישי שיעורים



אח"ק
תשפ"א לפ"ק
גליון קס"ה

## פראגע

**זענען מיר דען נישט אז צרות טוט מער אפט צעברעכן מענטשן, ווי איידער זיי מאכן בעסער? וואס איז דאן די תועלת?**

## ענטפער:

איך מוז מיר מחולק זיין דערמיט. אין מיין ערפארונג האב איך געזען אז מענטשן ווערן בעסער פון צרות, כמעט יעדער ווערט בעסער.

איך וועל אייך ערקלערן איין באלדיגע רעזולטאט. איר ווייסט, אין תנ"ך ווערט א קראנקער מענטש אפטמאל אנגערופן א דל; דל מיינט קראנק, אבער דל מיינט אויך נידריג און ארעם. רש"י זאגט אויף א פלאץ אז די תועלת פון מחלות איז צו ווערן נכנע, עס ברענגט דעם מענטש צו ענוה; דאס איז דער צוועק פון קרענק. דאס איז א געוואלדיגע לימוד פון אונזער גרויסן רבי רש"י הק'. קרענק איז מכניע א מענטש – ס'איז שווער צו זיין א בעל גאוה ווען א מענטש איז ח"ו קראנק, און דאס איז די גרעסטע פון אלע בענעפיטן.

"הגאווה ראש כל חטאת" – גאוה איז די שפיץ פון אלע זינד און דער מקור פון אלע זינד. ווען א מענטש איז קראנק, נישט קיין חילוק ווי רייך ער איז, נישט קיין חילוק ווי א הויכע פאזיציע ער איז, שפירט ער זיך היפש נידריג, און דאס איז אן אויסטערלישע בענעפיט. מיינט דאס אז ווען א מענטש איז א חולה קען ער פלוצלונג גאנץ ש"ס? ער קען פלוצלונג גאנץ חובת הלבבות? ניין. אבער ער האט א געוויסע תועלת וואס האט א געוואלדיגע ווערד: ער הייבט שוין אן צו טראכטן אז ער איז א גארנישט. איינמאל א מענטש טראכט דאס, איז ער גרייט אנצוהייבן א קאריערע פון גרויסקייט.

אפילו אויב ער שטארבט חלילה אבער ער האט פארדעם געטראכט אז ער איז גארנישט, איז עס א גרויסע ערררייכונג. איך וועל עס מסביר זיין אביסל מער. ווען מיר שטייען פאר השי"ת – דארפן מיר וויסן – אז מיר דארפן האבן הכנעה, מיר דארפן האבן יראה, מיר דארפן זיין אונטערגעבויגן און מורא האבן פונעם אויבערשטן. אבער מענטשן זענען אזוי געבויט אז זיי זענען מחוצפים, זיי זענען שטאלץ צו אן עקסטרעם אז אפילו כביכול קען נישט שטיין אין זייער וועג און זיי ווילן עפעס; אזוי גרויס איז די גאווה פון מענטשן. ווען א מענטש איז קראנק ל"ע איז עס כמעט א זיכערע **רפואה** פאר די קרענק פון גאווה.

## פראגע

**אויב א מענטש לעבט אייביג מיט יראת העונש, איז עס נישט קיין סתירה מיט שמחה אין לעבן?**

## ענטפער:

די גליקליכקייט פון לעבן קען מען נישט שעצן אויב מען לעבט מאנאטאניש. ווען מען האט א גוט לעבן אבער מ'לייגט נישט צו קיין מחשבה, האט מען נישט די גליקליכקייט פון לעבן. בלויז ווען מען האט א קריטיריע; מען איז באוואסטזיניג וואס איז געשען צו אנדערע און נישט צו דיך, דעמאלטס הייבט א מענטש אן זיך איסצולערנען וויאזוי ארויסצונאגן די האניג פונעם לעבן.

עס זענען דא מענטשן וואס עס האט זיך נאך קיינמאל נישט צעבראכן א ביין אין זייער קערפער אין זייער גאנצער לעבן; אבער עס איז זיי קיינמאל נישט בייגעפאלן צו זיין פול מיט פרייליכקייט צוליב דעם. זיין פרייליך ווייל ס'האט זיך נישט צעבראכן קיין ביין? אבער ווען עס פאסירט חלילה, איז עס אזוי אומבאקוועם, מען קען ניטאמאל ליגן אין בעט; ס'איז א שרעקליכע אפמוטשעניש. ס'איז אזא שווערע ערפארונג אז עס האט א אויסווירקונג אויף אלע פונקציעס פונעם קערפער.

פאר הערות שיקט אן אימעיל צו RebAvigdorAnswers@gmail.com

און דער מענטש לעבט זיין גאנצע לעבן אין א גענצליכע מנוחה; אבער ער שעצט עס נישט. אויב ער זאל נוצן זיין קאפ און שטודירן וואס ס'איז געשען צו אנדערע, וועט ער זיכער ווערן איבערגליקליך. דאס איז **א רעצעפט פאר א גליקליך לעבן**: צו זען וואס ס'איז געשען צו אנדערע מענטשן.

אלזא, אויב דאס איז די מעשה, ווען א מענטש לערנט יראת ה' איז ער נישט דערשראקן, ער האט נישט קיין מורא פון זאכן וואס קען געשען צו אים, ער האט מורא פונעם אויבערשטן! דער מענטש, חוץ וואס ער הייבט אן צו אנערקענען וויפיל זאכן ס'איז געשען צו אנדערע און איז נישט געשען צו אים, אין צוגאב איז ער קונה די הנאה פון די שלימות פון יראת שמים.

קיינער גייט נישט האבן וויניגער גליקליכקייט אין לעבן צוליב מורא האבן פונעם אויבערשטן. פונקט פארקערט, ער ווערט מער און מער באוואוסטזיניג וויפיל דער אויבערשטער באשיצט אים; ער ווערט מער און מער עמפינדליך צו זאכן וואס אנדערע האבן נישט און ער יא. דערפאר, יראת ד' גיבט אייגנטליך **מער** שמחה פאר מענטשן, אין צוגאב וואס עס גיבט זיי א לענגערע לעבן.

## פראגע

### וואס פונקטליך מיינט "הייליג", קדושה?

## ענטפער:

קדושה מיינט – **צו זיין אזוי ווי דעם אויבערשטן**. "אתה קדוש", און יעדע זאך פארבינדן מיט השי"ת איז קדוש. וואס מיינט קדושה? עס מיינט – **שלימות**. אלע גוטע זאכן זענען אין די קדושת השם. דערפאר, ווען עס שטייט "קדושים תהיו" – איר זאלט זיין הייליג, מיינט עס "שלימים תהיו" – איר זאלט זיין שלימות'דיג (ספורנו, פר' קדושים).

איר זאלט האבן גוטע מדות, איר זאלט זיין אין קאנטראל אויף זיך, איר זאלט זיך נישט בייגן צו קיין תאוות אדער סיי-וועלכע אומריכטיגע נטיות. קדושים מיינט צו זיין מושלם אין שכל און מושלם אין מדות.

און דער אויבערשטער איז דער וואס איז די מערסטע מושלם, דערפאר פארדינט ער דעם נאמען קדוש.

## פראגע

### וויאזוי קען עולם הזה באטראכט ווערן ווי א פארצימער, א פרוזדור צו עולם הבא, אויב מיר זאגן אז "יפה שעה אחת בתשובה ומעשים טובים בעולם הזה מכל חיי העולם הבא?" וואס איז דער עיקר, עולם הזה אדער עולם הבא?

## ענטפער:

מיר וועלן געבן א משל. לאמיר זאגן אז ס'איז דא א געוויסע ראפעל און איר געווינט דעם ראפעל. דער ראפעל גיבט דיר די געלעגנהייט אריינצוגיין פאר פינף סעקונדעס אין א שאץ-קאמער אויף די פינפטע עוועניו וואס איז פול מיט דיאמאנטן. יעדע סעקונדע איז ווערדפול, דו קענסט כאפן, שלעפן פון אלע זייטן; יעדע סעקונדע איז אן אוצר.

אבער דו כאפסט נישט די דיאמאנטן ווייל דו דארפסט די דיאמאנטן; דו קענסט נישט עסן קיין דיאמאנטן. איינמאל דו האסט שוין אלע טאשן פול מיט דיאמאנטן, קומט דער פרעזידענט פון די פירמע און כאפט דיר אן ביי די קראגן און שלעפט דיר ארויס פונעם קאמער, דיין צייט האט זיך געענדיגט. יעצט נעמסטו די דיאמאנט-שטיינער און דו קענסט עס אויסגעבן, קויפן א הערליכע הויז, קויפן א הערליכע קאר, דו קענסט לעבן גליקליך מיט די געלט וואס דו האסט.

עולם הבא איז דער פלאץ וואו דו גייסט **אויסגעבן** אלע דיינע דיאמאנטן, אבער די פלאץ צו **באקומען** דיאמאנטן איז דא. וועגן דעם איז "יפה שעה אחת" – יעדע סעקונדע אויף דער וועלט איז טייער, בטל נישט קיין סעקונדע, ווי נאר דו קומסט אהיים ביינאכט זעץ דיך אראפ מיט א ספר, לערן ביז דו ביזט גרייט צו גיין שלאפן. און אגב, גיי נישט שלאפן שפעט, ס'איז נישט גוט צו גיין שלאפן שפעט, ס'איז נישט געזונט. שטיי אויף פרי, גיין אין ישיבה, זיי ביים סדר אין צייט, 9:30 זיי דארט אויף'ן האר און זיץ און לערן. יעדע סעקונדע אויף דער וועלט איז טייער, ווייל דו קלויבסט יעצט צאם דיאמאנטן. די צייט וועט קומען נאך די 120 ווען דו וועסט צוריקקוקן און זאגן "אה, די אלטע גוטע צייטן ווען איך האב געקענט קלויבן דיאמאנטן!" אבער די פלאץ אויסצוגעבן די דיאמאנטן איז אין עולם הבא.

**די שאלות ותשובות זענען איבערגעטייטשט געווארן אויף אידיש לזכות את הרבים. צו באקומען טעגליך אין אימעיל די ארגינעלע שו"ת** (ענגליש)**, און סוף וואך א פולע שמועס אויף די פרשה, שיקט א פארלאנג צו** Signup@TorasAvigdor.org**, אדער גייט צו** torasavigdor.org**. צו באקומען א שו"ת וועכנטליך דורך תלמידו הרב אברהם טיקאצקי שליט"א, שיקט א פארלאנג צו** tikotzky@gmail.com
.Simchas Hachaim Publishing (SHP) is the official publisher of Rabbi Avigdor Miller's books and lectures
SHP is a project of Yeshiva Gedolah Bais Yisroel. Visit us at simchashachaim.com

סידור ועימוד ע"י **מערכת להתענג** וכל הזכויות שמורות

# אין אלע ספרים געשעפטן!




אידיש!

## הונדערטער פראגעס און ענטפערס

אין אלע תחומי החיים לויט די ריינע תורה השקפה
צוזאמגענומען אין איין באנד

פאר גרעסערע באשטעלונגען, האלסעיל און מוסדות התורה, רופט: 845-625-2973

# שרייבט אייך איין צו באקומען די הערליכע גליונות קונטרסים

# וועכענטליך אויף אימעיל




נאר אידיש




לה"ק אידיש




נאר לשון הקודש

$1 א וואך
מועדים $3

בריליאנטענע און אייגנארטיגע גליונות קונטריסים, היימיש און געשמאק

זיך איינצושרייבן רופט מערכת להתענג: 845-662-2782

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

# באשיינט אייער
# שמחה,
# שבת התוועדות

- סידורים
- חומשים
- זמירות
- גליונות

קאסטום לויט אייער געשמאק










צו באשטעלן רופט:

**מערכת להתענג 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Lehisaneg@Lehisaneg.com

בס"ד

די דאזיגע גליון ערשיינט וועכנטליך אין די הערליכע קונטרסים

# עונג שבת/גוט שבת שע"י מערכת להתענג

צו באקומען די קונטריסים אויף אימעיל פאר בלויז $1 א וואך קליקט אויפן פאלגענדע לינק

http://goo.gl/forms/S8OzcjI4K1

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

(אויף אונזער אימעיל ליסטע ווי אויך אויף לדעת, ערשיינט די גליון מיט צוויי וואכן אפגערוקט)

**כל טוב**